בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

409

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי המכון, המאירים את בתיהם של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


נֶעמֶען וַואקְסִינֶען?............................................................ א
פַאְרְוָואס טְרַאכְט אֵיךְ נָאר פוּן גֶעלְט?............................................ ב
אִיךְ בֶּענְטְש אִינֶעוֵוייְנִיג, פַאְרְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט רַייךְ? ............................ ד
וָואס טוּט אַן אַלְטֶער צֶעקְלַאפְּטֶער בָּחוּר?............................................. ה


## אִישׁ אֱמוּנוֹת


צֶעבְּרֶעךְ דַיינֶע קְרֶעדִיט קַארְטְלֶעךְ ............................................ א
אַרַיינְשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ אִין יְשִׁיבָה............................................. ב
אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער ........................................... ב
דַיינֶע חוֹבוֹת אִיז צוּלִיב פַארְשְׁוֶועכְן דִי שׁוּל ......................................... ד
דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל זַיין אָנְגֶעפִילְט פַארְטָאגְס.................................... ד
אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סוֹפֵר, וָואס מֵיינְט דָאס? ........................................... ו
יְסוּדִים פוּן דִי מִשְׁפָּחָה............................................................. ו
נִישְׁטָא הֶעכֶערְס וִוי זַיין גְרֵייט צוּ טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר ........................ ז
דֶער רַךְ הַנִּמּוֹל זָאל רָאטְן אִין דֶעם גְרוֹיסְן זֵיידְן....................................... ח
אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ פַארְגִינֶערִישֶׁע הַארְץ, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ הַארְץ ........................ יא
דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲלִיָּה פַאר דַיין טַאטְנְ'ס נְשָׁמָה...................... יב
מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבֶּעדִיגְקֵייט אוּן חֵן........................................ יג
מִיט חָכְמָה זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן עֶסְן דָארְט פְלֵייש...................................... יד
קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, דָאס דַארְף יֶעדֶער טוּן ................................. יד

נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער אִין אַ טִינְקֶעלֶע שְׁטוּבּ ........ טז

הָאסְט לִיבּ דַיינֶע קִינְדֶער? ........ יז

וואוּ זָאל אִיךְ גֶעבְּן מַיינֶע צְדָקוֹת? ........ יט

תְּשׁוּבָה אִיז צוּ גֵיין מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ ........ יט

מְ'דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אִין דִי בִּיזְנֶעס ........ כא

מֶען מוּז טוּן מֶער פַאר דִי קִינְדֶער ........ כא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## נֶעמֶען וַואקְסִינֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וויל פְרֶעגְן וֶועגְן שַׁאטְס, וַואקְסִינֶען. אִיךְ וֵוייס וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דֶעם, אָבֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה הָאט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעגֶעבְּן, אוּן וֶוען נִישְׁט עֶס אִיז יֶעצְט אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְשְׁפְּרֵייט דִי מִיזֶעלְס קְרֶענְק וָואלְט אִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט, בִּיטֶע אוֹיבּ מִיר קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע יָא אָדֶער נֵיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

**אִיר וֵוייסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן גֶעבְּן שַׁאטְס, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוער עֶס גֶעבְּט נִישְׁט קֵיין שַׁאטְס אִיז אַ רוֹצֵחַ, אוּן ווִי אִיר וֵוייסְט אִיז יֶעצְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָא דִי קְרֶענְק פוּן מִיזֶעלְס, אוּן נַארִישֶׁע פַארְ׳עַקְשָׁנְ׳טֶע מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן נִישְׁט דִי שַׁאטְס, אוּן עֶס אִיז דָא נֶעבֶּעךְ קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אוֹיס פוּן דִי מַחֲלָה.**

**עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אַז אַלֶעס נֶעמְט מֶען אָן פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן בַּיי דֶער זַאךְ וֶוערְט מֶען קְלוּגֶער פוּן רֶבִּי׳ן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## פַארְוָואס טְרַאכְט אִיךְ נָאר פוּן גֶעלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

מַיין גַאנְצֶע קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן גֶעלְט, גֶעלְט, גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט, ווִי קֶען מֶען פַארְדִינֶען נָאךְ עֶפֶּעס גֶעלְט, אוּן אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט פוּן דֶעם.

אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס אִיךְ הָאבּ, מִיט מַיין גוּטֶע דִירָה וָואס אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה', ווִיל אִיךְ נָאר מֶער, אִיךְ ווִיל נָאךְ אַ דִירָה אוּן נָאךְ גֶעלְט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעקוֹיפְט נָאךְ אַ דִירָה, אוּן יֶעצְט צִיעֶן זִיךְ וַוייטֶער דִי דַאֲגוֹת ווִי אַזוֹי דָאס צוּ בַּאצָאלְן, אוּן אִיךְ טְרַאכְט ווִידֶער פוּן גֶעלְט, גֶעלְט, אוּן נָאכְאַמָאל גֶעלְט.

אִיךְ בֶּעט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר הֶעלְפְן, רַאטֶעוֶוען, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ קוֹיפְן הַייזֶער אוּן צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ' וְכוּ', דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר פוּן וָואס מֶען טְרַאכְט; מֶען קֶען זַיין אִין בִּיזְנֶעס אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיצְן אִין אָפִיס אוּן זִיךְ בֶּעֶנְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן מֶען קֶען זַיין אַ שְׁלֶעפֶּער, צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁלִיסְן, אָן הַייזֶער, אָן בִּיזְנֶעס - אוּן מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן גֶעלְט.

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט מַאכְן קַיין מְצִיאוּת פוּן דִי גֶעלְט - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל נָאר דֶער רֶבִּי קֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן תַּאֲווֹת מָמוֹן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כג): "רֹב הָעוֹלָם נִלְכְּדוּ בָּזֶה", רוֹב וֶועלְט אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְזִינְקֶען אִין דֶעם, "הַיְנוּ בְּתַאֲוַות מָמוֹן", אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן, "וְאִי

אֶפְשָׁר לְהִנָּצֵל מִזֶּה", און עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין עֵצָה צוּ וֶוערְן נִצָּל פוּן דֶעם – "כִּי אִם עַל יְדֵי הַצַּדִּיק", נָאר דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל און נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק – גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן – דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קְנְטוּר וְנִצָּחוֹן וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, "אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען", וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן און עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זוּכְן צוּ קוֹיפְן אֵייבִּיגֶע הַייזֶער. מֶען מֶעג אַרְבֶּעטְן, מֶען מֶעג קוֹיפְן הַייזֶער, אָבֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן עַלְמָא דְאָתֵי, אַז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט און דָארְט וֶועט מֶען נָאר מִיטְנֶעמֶען דִי בְּלֶעטֶער גְּמָרָא מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען גְּמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר, הֵייבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, זָאג דִי גְּמָרָא אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, און וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט דִי מַסֶּכְתָּא זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר אַ הוֹיז, דָאס אִיז אַ גַאנְצֶע וֶועלְט. עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנִים (תִּיקּוּנֵי זֹהַר הַקְדָּמָה, יד): "כָּל מַאן דְּזָכֵה לַהֲלָכָה חַד", וֶוער עֶס לֶערְנְט אַ הֲלָכָה - "יָרֵית עָלְמָא חַד", יַרְשְׁ'נְט אַ גַאנְצֶע וֶועלְט, "כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְּזָכֵה לְמַסֶּכְתָּא חֲדָא, אוֹ לִתְרֵין, אוֹ לְשִׁתִּין, דְּאִתְּמַר בְּהוֹן שִׁשִּׁים הֵמָּה מַלְכוּת, דְּכָל מַסֶּכְתָּא מַטְרוֹנִיתָא אִיהִי בְּגַרְמָהּ, זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּיָרִית לָהּ בְּהַאי עָלְמָא", און זִיכֶער וֶוער עֶס עֶנְדִיגְט אַ מַסֶּכְתָּא, אָדֶער צְוֵויי וְכוּ' - וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גַאנְצֶע וֶועלְט; און וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ מַסֶּכֶת שַׁבָּת, און אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן מִיט מַסֶּכֶת עֵירוּבִין, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס; זָאלְסְט נִישְׁט זַאט וֶוערְן פוּן קוֹיפְן נָאךְ און נָאךְ וֶועלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בֶּענְטְשׁ אִינֶעוֵויינִיג, פַּארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט רַייךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי דְּרָשׁוֹת, עֵצוֹת, אוּן חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר עֲשִׁירוּת, אָבֶּער דֶערְוַוייל מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ נָאכְאַלְץ מִיט פַּרְנָסָה; קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק דֶערוֹיף?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס נִישְׁט מַיין עֵצָה, דָאס הָאט מוֹהֲרַא״שׁ גֶעזָאגְט; וֶוער עֶס וֶועט שְׁטֶענְדִיג בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער - וֶועט וֶוערְן רַייךְ. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט דָאס נִישְׁט סְתַּם גֶעזָאגְט, מוֹהֲרַא״שׁ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט דֶעם, עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארוּמְט אַז זַיין גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת קוּמְט פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט שׁוֹין אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר שְׁטֶענְדִיג צוּ בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער אוּן וֶוער עֶס וֶועט דָאס טוּן וֶועט רַייךְ וֶוערְן.

בֶּענְטְשׁ וַוייטֶער נָאר מִיט אַ בֶּענְטְשֶׁער, בֶּענְטְשׁ מִיט שִׂמְחָה - וֶועסְטוּ רַייךְ וֶוערְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי י, כב): ״בִּרְכַּת הַשֵּׁם הִיא תַעֲשִׁיר״, דִי בְּרָכָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט רַייךְ, ״וְלֹא יוֹסִף עֶצֶב עִמָּהּ״, אוּן מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט זִיךְ פְּלָאגְן, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט פְרֵיילִיךְ וֶוערְט מֶען רַייךְ.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶן מִיט שִׂמְחָה, וַוייל דִי שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה אִיז שִׂמְחָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד״, וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, ״עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, דֶער הָאט הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט אַן אַלְטֶער צֶעקְלַאפְּטֶער בָּחוּר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן אַלְטֶער צֶעקְלַאפְּטֶער בָּחוּר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן? קֶענְסְט טוּן צְוֵויי זַאכְן; אֵיינְס, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צְוֵויטְנְס - זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): ״כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה״, ווִילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס; נָאכְמֶער זָאגְן חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ב): ״כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא כַּפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, וְאֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם״, פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין

בְּרָכָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כַּפָּרָה, עֶס פֶעלְט שָׁלוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן און מֶען אִיז נִישְׁט אַ גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא ה): "כָּל מַאן דְלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, כָּל שְׁבָחָא אַעְדּוֹי מִנֵּיהּ, וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְאָדָם. וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְּלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא", ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטְס, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ און עֶר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ ווערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר (פַּרְשַׁת אַחֲרֵי, נט:) רֶבִּי יִצְחָק זָאגְט: "בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה, דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן און יָא זַיין פְרֵיילִיךְ און גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דוּ הָאסְט אוֹיךְ דַיין שִׁידוּךְ, און נָאךְ אֵיידֶער דוּ בִּיסְט גֶעבּוֹירְן הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן דַיין שִׁידוּךְ, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ב.) פֶערְצִיג טֶעג אֵיידֶער עֶס ווערְט יְצִירַת הַוָּלָד רוּפְט מֶען אוֹיס בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי.

דָא הָאסְטוּ אַ שֵׁיינֶע הַארְץ רַייסֶענְדֶע תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעמַאכְט, און מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְן סוֹף, וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה (עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה), און זָאגְן דִי הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט פַאר בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ פַאר פֶערְצִיג טֶעג אִין אַ צִי - וֶועט גְלַייךְ אַ חָתָן וֶוערְן.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל און גְרִינְג און נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאב זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, און אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי ווֹאוִיל און עֶרְלִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין ווַאוִיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חַזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ ווֵייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס און אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַּארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. און דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן און הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, און אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין און נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע און עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג און זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים און צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה און חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, און הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [און אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## צֶעבְּרֶעךְ דַיינֶע קְרֶעדִיט קַארְטְלֶעךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

הִיט זִיךְ פוּן דִי קְלִפַּת אַמֶערִיקֶע, טֻמְאַת אַמֶערִיקֶע, וָואס אִיז קְרֶעדִיט קַארְדְס; עֶס זֶעט אוֹיס אַ גוּטֶע גְלַאנְצִיגֶע זַאךְ, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דֶעם אוּן דָאס פִּירְט צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית, מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב, מֶען צָאלְט שְׁוֶוערֶע צִיפֶּעדִיגֶע אִינְטֶערֶעסְט אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי טוּמְאָה, צֶעבְּרֶעךְ דִי קַארְטְלֶעךְ, וַוארְף אַוֶועק דִי טוּמְאָה אוּן נִיץ נָאר דֶעבִּיט קַארְדְס; דָאס מֶעג מֶען, דָאס קֶען מֶען נִיצְן נָאר אַז מֶען הָאט דֶעקוּנְג, מַה שֶּׁאֵין כֵּן קְרֶעדִיט קַארְדְס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה.

הַלְוַאי וָואלְטְן מִיר אַלֶע תַּלְמִידִים גֶעטְרָאסְט אוּן נִישְׁט גֶעדַארְפְט צוּקוּמֶען צוּ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט נָאכְן לִיגְן אִין טִיפֶע חוֹבוֹת הַשֵּׁם יְרַחֵם.

גֵיי נָאךְ גֶעלְט, טוּ יֶעדֶע אַרְבֶּעט וָואס קוּמְט נָאר אוּנְטֶער, אַבִּי אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע.

...

## אַרײַנְשְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ אִין יְשִׁיבָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט שׁוֹין נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן - דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם, אַײנְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; דָאס וֶועט אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין מֹחַ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, עֶס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, גֵיי יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, טוּבּ דִיךְ אִין מִקְוֶה אוּן בֶּעט אַ שְׁטִילֶע קוּרְצֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ רֵיין, אִיךְ ווִיל זַיין רֵיין אוּן הֵיילִיג".

הַלְוַואי וֶועסְטוּ זִיךְ אַרײַנְשְׁטֶעקְן דַיין קָאפּ וֶוען דוּ קֶענְסְט נָאר בַּיי אַ שִׁיעוּר, אָדֶער שְׁמוּעֶס - אִין יְשִׁיבָה, הֶערְן רֶעדְן פוּן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מֶען הֶערְט פוּן מִיר וֶוערְט מֶען פְרִישׁ גֶעבּוֹירְן כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד", מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

## אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, הֱיוֹת דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶוערְן גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער אוּן דִי אַרְבֶּעט וֶוערְט נָאר מֶער, זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט טְרָאגְן דֶעם עוֹל פוּן דִי גֶעלְט, דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער, סַיי בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ. עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן, אָבֶער אַז עֶס פַּאסִירְט אַז עֶס קוּמְט דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן דִי גֶעהַאלְט פַאר דִי אַײנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אָדֶער צָאלְן רֶענְט וְכוּ' אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט - אִיז דָאס נִישְׁט דַיין זָארְג, לָאז דִי זָארְג אוֹיף מִיר, וַוייל אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָארְגְן

פַאר דִי גֶעלְט, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן סַבְלָנוּת פַאר דִי קִינְדֶער.

מִיר אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַ קֶרֶן אַז דִי מוֹסְדוֹת זָאלְן זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הֶעלְפְן זֵייעֶר, מֶער פוּן זֵייעֶרֶע כֹּחוֹת, אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועלְן מִיר קֶענֶען אָנְגֵיין.

דִי שְׁוֶועריקֵייטְן דַארְף אוּנְז גֶעבְּן חִיזּוּק. וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען ר׳ יוֹדְל רָאזֶענְבֶּערְג זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶער וָואס הָאט גֶעפִירְט דִי סַאטְמֶערֶע קֶעמְפְּס, צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אוּן זֵייעֶר גֶעקְרֶעכְצְט אַז עֶר גֵייט אוֹיפְגֶעבְּן, וַוייל עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ גֵיין וַוייטֶער, עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער עֶר קֶען נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן גֶעטְרַאכְט, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: "וֵוייסְט וָואס אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן, וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גְרִינְג דַארְף אִיךְ עֶס נִישְׁט", אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ קוּמְט אָן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר דָאס אוֹיךְ כַּמָּה פְּעָמִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ זֶע וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט עֶנְק וֵוייס אִיךְ אַז דָאס אִיז פוּן דִי קְדוּשָּׁה".

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר אַלְץ זָאגְן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט, מֶען צָאלְט נִישְׁט דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע; הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַלְץ גֶעזָאגְט: "נֶעם דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין, דִי קִינְדֶער זֶענֶען רֵיין זֵייעֶרֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב", אוּן דָאס פְלֶעגְן מִיר טוּן אוּן דָאס טוּעֶן מִיר נָאכְאַלְץ, דִי מְלַמְּדִים בֶּעטְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער אִין אִידִישׁ תְּפִילּוֹת אַז דִי מוֹסָד זָאל הָאבְּן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אוּן קֶענֶען אָנְגֵיין אָן קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְג. זָאלְסְטוּ דָאס אוֹיךְ טוּן, בֶּעט דִי מְלַמְּדִים זָאלְן בֶּעטְן יֶעדְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער פַאר דִי מוֹסָד אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוּנְזֶער תֵּבַת נֹחַ, אַ פְּלַאץ פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְשְׁוֶועמְט מִיט דִי מַבּוּל.

אוֹיךְ יֶעדֶע מָאל דוּ גֵייסְט קַיין טְבֶרְיָה צוּ דִי חֵדֶר אוּן צוּ בֵּית פֵּיגָא זַיי אַזוֹי גוּט אוּן גֵיי צוּ מוֹהֲרָא"שׁ צוּם צִיּוּן אוּן בֶּעט פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיינֶע חוֹבוֹת אִיז צוּלִיבּ פַארְשְׁוֶועכְן דִי שׁוּל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אַזוֹי מִיט דַיין בִּיזְנֶעס, דוּ בִּיסְט אִין אַ לָאךְ פוּן חוֹבוֹת, פוּן שְׁוֶועְרֶע הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, אוּן וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט צוּ בַּאקוּמֶען הַלְוָאוֹת פוּן בֶּענְק - פַאלְט עֶס אַלְץ אַרָאפּ, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער; דָאס אִיז פַארְן פַארְשֶׁעמֶען דִי בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אַז מֶען רֶעדְט בַּיים דַאוֶועְנֶען אוּן בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה פַארְשֶׁעמְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז בַּיי מִיר קְלָאר אַז דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז צוּלִיבּ דֶעם.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן אִין שׁוּל, אוּן נָאכְאַלְץ זֶע אִיךְ וִוי דוּ לַאכְסְט אוּן שְׁמוּעֶסְט מִיט גְרוֹיס חוּצְפָּה.

דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט שׁוּלְדִיג, עֶס זֶענֶען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען דַיְקָא צוּ דִיר שְׁמוּעֶסְן וְכוּ׳; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען מֶער אִין שׁוּל, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ וִוי צוּ פַארְשְׁוֶועכְן דֶעם שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל זַיין אָנְגֶעפִילְט פַארְטָאגְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גַאנְץ חוֹדֶשׁ

תִּשְׁרֵי, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין אִין שְׁטֶעטְל. גֶעבּ אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גַבָּאִים פַארְן אַהֶער שְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶעם יוֹם טוֹב.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דִי גַבָּאִים מֶען זָאל מַאכְן אַ גְרוֹיסְן שְׁטַארְקְן דְשֶׁענֶערֶעיטֶער אוֹיבּ עֶס פַּאסִירְט אַ קוּרְצְשְׁלוּס. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶרֶב דִי צְוֵייטֶע טֶעג, עֶס הָאט פַּאסִירְט אַ קוּרְצְשְׁלוּס אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס קֶען פַּאסִירְן אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז אִין בּוֹר אוּן הַאלְט זִיךְ אִינְמִיטְן טוֹבֵל׳ן אוּן עֶס פַּאסִירְט נָאכְאַמָאל. אִיךְ ווִיל עֶנְק זָאלְן דָאס שׁוֹין בַּאשְׁטֶעלְן אוּן צוּגְרֵייטְן, אִיךְ וֶועל שַׁאפְן דִי גֶעלְט פַאר דֶעם, אָבֶּער מַאכְט נִישְׁט מִיט אַ צוּמְצוּם, מַאכְט עֶס זָאל זַיין גְרוֹיס אוּן שְׁטַארְק, אַז דִי גַאנְצֶע בִּנְיָן זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין; סֵיי דִי מִקְוֶה, סֵיי דִי שׁוּל אוּן סֵיי דִי כּוֹלֵל.

אוֹיךְ דַארְף מֶען אִיבֶּערְבַּייטְן דִי בֶּענְק מִיט דִי בֶּענְקְלֶעךְ פוּנֶעם נֵייעֶם שׁוּל, דִי בֶּענְק פַאלְן כְּסֵדֶר אַרָאפּ, עֶס פַאלְט אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן דִי בֶּענְקְלֶעךְ מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ, עֶס שְׁטֶערְט דָאס דַאוֶוענֶען מִיט דָאס לֵיינֶען.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ מִיר קֶענֶען צוּרִיק בַּאנֵייעֶן דִי כּוֹלֵל בּוֹקֶר, אָנְהֵייבּ שְׁטֶעטְל וֶוען דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער אַבְרָהָם מֹשֶׁה׳ס הוֹיז הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ כּוֹלֵל בּוֹקֶר פַאר אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען לֶערְנֶען פוּן זֶעקְס אַזֵייגֶער בִּיז זִיבְּן אַזֵייגֶער, אַ שָׁעָה פַארְן דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווִיל בַּאנֵייעֶן דִי כּוֹלֵל בּוֹקֶר, אִיךְ הָאבּ אַזַא גְלִיסְטֶענִישׁ אַז דִי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זַיין אָנְגֶעפִילְט פַּארְטָאגְס וואוּ אַלֶע וֶועלְן קוֹבֵעַ זַיין לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, יוֹם תְּהִלִּים אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן הֲלָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר סוֹפֵר, וָואס מֵיינְט דָאס?

**אַ סוֹפֵר פְרֶעגְט:**

מֶענְטְשְׁן זוּכְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סוֹפֵר אַ יְרֵא שָׁמַיִם; וָואס מֵיינְט עֶס? וָואס דַארְף אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר סוֹפֵר יָא טוּן אוּן וָואס נִישְׁט?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

מַקְפִּיד זַיין צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, עַל כָּל פָּנִים נִישְׁט שְׁרַייבְּן אָן קֵיין מִקְוֶה; אוֹיךְ זָאל עֶר נָאר שְׁרַייבְּן נָאכְן זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

...

## יִסּוּרִים פוּן דִי מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס, אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן דִי בְּרִיוו, אִיךְ בִּין גֶעוֶועְן יוֹם טוֹב אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ זֶען דִי בְּרִיוו, אוּן גְלַייךְ נָאךְ יוֹם טוֹב אִיז מִיר גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל לְמַזָּל טוֹב אוּן מַיין וַוייבּ אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּרוּעֶן, אוּן אִיךְ דַארְף יֶעצְט זַיין דִי טַאטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ קוֹים צַייט צוּ שְׁרַייבְּן בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ אַ מַאמֶע מִיט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער אִיז מְחוּיָּב צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז נֵיין, מְחוּיָּב אִיז מֶען נִישְׁט, אָבֶער אוֹיבּ מֶען קֶען הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע סְקוּל בֵּית פֵיגָא אִין יְרוּשָׁלַיִם וֶועט דָאס זִיכֶער זַיין אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶר דוֹרוֹת. וַוייל וִויפִיל מֶען טוּט פַארְן רֶבִּי׳ן, וִויפִיל מֶען טוּט פַאר אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע חִינוּךְ, גֶעבּוֹיט לוֹיט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג - אִיז דִי זְכוּת עַד אֵין לָשַׁעַר.

בְּנוֹגֵעַ דִי מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳; עֶס אִיז פַארְקֶערְט וִוי מֶען מֵיינְט, כָּל זְמַן מֶען שְׁטֵייט אַהֶער אוּן אַהִין, מֶען טַאנְצְט מִיט אֵיין פוּס אִין בְּרֶסְלֶב אוּן מִיט אֵיין

פוס טַאנְצְט מֶען צוּרִיק - דֶעמָאלְט הָאט מֶען דִי יְסוּרִים פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, אָבֶער וֶוען מֶען שְׁטֵייט מִיט בֵּיידֶע פִּיס אִין אֵיין פְּלַאץ, זֶעט דִי מִשְׁפָּחָה אַז מֶען וֵוייסְט וָואס מֶען וִויל אוּן אַלֶעס בַּארוּאִיגְט זִיךְ.

אַ מַאמֶע דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַז דִי מַאמֶע לַאכְט - שְׁוַוייגְט מֶען, אוּן אַז דִי מַאמֶע מַאכְט אַ וֶוערְטְל אוֹיף וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי אוּנְזֶער חֵדֶר - שְׁוַוייגְט מֶען וַוייטֶער, אוּן אַז דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער שְׁמֵייכְלֶען - שְׁוַוייגְט מֶען וַוייטֶער.

דִי אַלֶע זַאכְן קוּמֶען צוּנִיץ שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְּן, עֶס בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁטָא הֶעכֶערְס וִוי זַיין גְרֵייט צוּ טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, ב׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל דוּ זָאלְסְט שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז אֲפִילוּ דִי בָּחוּרִים וָואס הֶעלְפְן דוּרְכְן טָאג אִין דִי מוֹסָד, אִין שׁוּל, אִין דִי קְהִלָּה וְכוּ׳ וְכוּ׳ - אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, סֵיי הֶערְן דִי שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת, אוּן סֵיי לֶערְנֶען הֲלָכָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט), מֶען מוּז לֶערְנֶען הֲלָכָה, אוּן מֶען מוּז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; וִוייל אִיךְ אַז אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן לֶערְנֶען הֲלָכָה אוּן הֶערְן יֶעדְן טָאג אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ ר׳ ... אַז דַאוְוענֶען וָתִיקִין אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אָבֶער נָאר אוֹיב דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת; נִישְׁטָא עֶפֶּעס הֶעכֶערְ׳ס וִוי זַיין גְרֵייט צוּ בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אוּן דִי בָּחוּרִים אִין חֵדֶר, אִין יְשִׁיבָה - לֶערְנֶען תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (קִידּוּשִׁין ל.), רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גֶעזֶען

רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גֵיין אִין גַאס נִישְׁט אָנְגֶעטוּן גֶעהֶעריג, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַבִּיסְל אִינְטֶערְסַאנְט, עֶר הָאט נִישְׁט אָן גֶעהַאט זַיין הוּט, נָאר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע צוּדֶעק, הָאט רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז מִיט דִיר? פַארְוָואס גֵייסְטוּ אַזוֹי אִין גַאס, וואוּ אִיז דַיין הוּט?" הָאט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ יָאג זִיךְ צוּ טְרָאגְן מַיין קִינְד אִין חֵדֶר, אוּן אַז דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ וָואס אִיז דִי יָאגֶענִישׁ? וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ד, ט): 'וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ', אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּסוּק 'יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב', וָואס הָאבְּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי פָּסוּק פוּן מַתַּן תּוֹרָה? נָאר דִי תּוֹרָה לֶערְנְט אוּנְז, אַז וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין קִינְד אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי, אִיךְ לֵייג אַוֶועק מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אַבִּי צוּ לוֹיפְן אִין חֵדֶר מִיט מַיין זוּן"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אוּן דִי בָּחוּרִים אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער רַךְ הַנִּמּוֹל זָאל רָאטְן אִין דֶעם גְרוֹיסְן זֵיידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם א' פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

פְרַייטָאג הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית מִילָה, דִי בְּרִית אִיז גֶעוֶוען בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין קַארְלְסְבּוּרג בֵּית הַמֶדְרָשׁ. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען סַנְדָק, מַיין שְׁוֶוער הָרַב ר' מָרְדְכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען סַנְדָק מְעֻמָּד, וְיִקָּרֵא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל 'עַמְרָם' נָאכְן זֵיידְן הַצַּדִּיק רֶבִּי עַמְרָם אוֹישׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, מַיין טַאטֶע'ס עֶלְטֶער זֵיידֶע. מַיין טַאטֶע'ס מַאמֶע חַיָּה רֶעכִיל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם אִיז אַ טָאכְטֶער פוּן רִבְקָה פֵּיגָא עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, אִיר טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען דֶער צַדִּיק רֶבִּי עַמְרָם אוֹישׁ, עֶר הָאט

גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט סַאטְמֶער, עֶר אִיז גֶעוֶועןְ אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם.

עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶרְשְׁט גֶעוואוֹינְט אִין מוּנְקַאטְשׁ, עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט מֶען זָאל זֶען אוֹיסְצוּהַאלְטְן דֶעם אִינְגֶערְמַאן עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין מוּנְקַאטְשׁ, אוֹיךְ הָאט דֶער גַבַּאי פוּן דֶעם הֵיילִיגְן מִנְחַת אֶלְעָזָר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מִנְחַת אֶלְעָזָר אַז מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ זוּן פוּן רֶבִּי עַמְרָם אוֹישׁ, עֶר וויל פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶר זָאל טוּן דִי שִׁידוּךְ, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט דוּ בִּיסְט קְלוּגֶער, אַז מֶען טְרָאגְט דִיר אָן רֶבִּי עַמְרָם'ס אַ זוּן קוּמְסְטוּ מִיר פְרֶעגְן? שׁוֹין זָאלְסְטוּ כַאפְּן אוּן מַאכְן דִי שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאג דִיר שׁוֹין מַזָל טוֹב"; שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אַרִיבֶּער קַיין סַאטְמֶער, זַיין רֶבִּי דֶער קֶרֶן לְדָוִד הָאט אִים גֶערוּפְן צוּ זַיין דָארְט אַ מְלַמֵד, עֶר פְלֶעגְט אוֹיךְ גֵיין אַסַאךְ נָאךְ גֶעלְט פַאר אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים.

זַיין יָארְצַייט אִיז גֶעוֶועןְ דִי וָואךְ, כ"ח תִּשְׁרֵי, אוּן מַיין זוּן אִיז גֶעבּוֹירְן כ"ה תִּשְׁרֵי, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען נָאךְ אִים, וִיהִי רָצוֹן אַז דֶער רַךְ הַנִּמּוֹל זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, עֶר זָאל רָאטְן נָאךְ דֶעם גְרוֹיסְן זֵיידְן, עֶר לִיגְט אִין פֶּעסְט, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶועןְ בַּיי זַיין צִיוּן.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיף דֶעם זֵיידְן, אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אֵיין מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם זֵיידְן רֶבִּי עַמְרָם זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה בַּיי חֲצוֹת הַלַיְלָה אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען נָאכְאַמָאל אִין מִקְוֶה בַּיים עֲלוֹת, נָאכְדֶעם פְלֶעגְט עֶר לֵייגְן צְוֵויי פָּאר תְּפִילִין אִין שְׁטוּבּ אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען, עֶר פְלֶעגְט גֵיין אַפָּאר מָאל אַ טָאג אִין מִקְוֶה. אַמָאל פַּאסִירְט נָאךְ סוּכּוֹת, אַ אִיד קְלַאפְּט אַרַיין צוּ אִים אוּן זָאגְט אִים: "אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶועןְ מִיט דִיר אִין מִקְוֶה אוּן עֶס אִיז מִיר גֶע'גַנֶבְ'עט גֶעוָוארְן זֶעכְצִיג טוֹיזֶנְט לֶעי (בַּיי אוּנְז אִיז דָאס דָאלֶער), אוּן אַזוֹי וִוי נָאר דוּ בִּיסְט גֶעוֶועןְ מִיט מִיר אִין מִקְוֶה ווִיל אִיךְ צוּרִיק מַיין גֶעלְט", עֶר זָאגְט פַאר רֶבִּי עַמְרָם: "אִיךְ בִּין דִיךְ נִישְׁט חוֹשֵׁד אַז דוּ הָאסְט דִי גֶעלְט גֶע'גַנֶבְ'עט פַאר דִיר אַלֵיינְס, אִיךְ וֵוייס

אַז דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט טָאג אוּן נַאכְט פַאר אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים, מִן הַסְּתָם הָאסְטוּ דָאס גֶענוּמֶען פַאר זֵיי, אִיךְ דַארְף צוּרִיק מַיין גֶעלְט", דֶער רֶבִּי עַמְרָם הָאט אִים אִין אָנְהֵייבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶענוּמֶען אַייעֶר גֶעלְט", אָבֶּער דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן קוֹלוֹת: "גֶעבְּט מִיר צוּרִיק מַיין גֶעלְט!" רֶבִּי עַמְרָם הָאט שְׁנֶעל גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע חִלּוּל הַשֵּׁם, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מוֹדֶה אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין פַארְטֵיילְט פַאר דִי אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיבֶּער אוּן אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לָאמִיר מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט, אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן צוּבִּיסְלִיךְ, אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן יֶעדֶע וָואךְ מַיין גֶעהַאלְט", אוּן דֶער אִיד הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אַ גַאנְץ וִוינְטֶער הָאט מֶען גֶעהוּנְגֶערְט בַּיי רֶבִּי עַמְרָם אִין שְׁטוּבּ, דִי גַאנְצֶע גֶעהַאלְט אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר יֶענֶעם.

בִּיז עֶרֶב פֶּסַח, וֶוען דֶער אִיד הָאט פֶּסַח'דִיג גֶעמַאכְט, הָאט עֶר גֶערֵיינִיגְט אַלֶע טַאשְׁן פוּן אַלֶע רֶעקְלֶעךְ, הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט דִי גַאנְצֶע פֶּעקְל גֶעלְט, דִי גַאנְצֶע זֶעכְצִיג טוֹיזְנְט לֶעי, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּנֶעם יְרִיד מִיט דִי סְכוּם גֶעלְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דֶעם שֵׁיינֶעם רֶעקְל אוּן אָנְגֶעטוּן אַן אַנְדֶערֶע רֶעקְל אוּן גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה, אוּן זֶעט אוֹיס אַז עֶר הָאט פַארְגֶעסְן אַז דִי גֶעלְט לִיגְט אִינֶעם אַנְדֶערְן רֶעקְל, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אוּמְזִיסְט חוֹשֵׁד גֶעוֶוען רֶבִּי עַמְרָם אוֹישׁ. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס טוּ אִיךְ דָא? עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי צוּ רֶבִּי עַמְרָם אוּן פְרֶעג אִים אַלֵיין", עֶר אִיז אַרִיבֶּער צוּ רֶבִּי עַמְרָם אוּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, רֶבִּי עַמְרָם הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל", דֶער אִיד הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט פַאר דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חֲשַׁד, אָבֶּער רֶבִּי עַמְרָם הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דִי גֶעלְט וִויל אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין, דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר אַ נִסָּיוֹן"; אִיךְ דֶערְצֵייל דִיר דִי מַעֲשֶׂה וַוייל אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִוי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן קַיין קְרִיגֶערַיי, קַיין חִלּוּל הַשֵּׁם.

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת. לֶערְן גְּמָרָא; הַלְוַואי זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיק כַאפְּן מִיטְן דַף שִׁיעוּר, קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶועלְן מִיר מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס, עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע קֶענֶען טוּן, מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי גְמָרָא אוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ פַארְגִינֶערִישֶׁע הַארְץ, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַ שָׁאד אוֹיף דִי פַיינְטְשַׁאפְט צְוִוישְׁן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, וָואלְטְן מִיר זִיךְ לִיבּ גֶעהַאט וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה. וָואס דַארְף מֶען זִיךְ קְרִיגְן? וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אַז עֶס אִיז דָא כַּמָּה חֲבוּרוֹת וְכַמָּה כִּיתּוֹת? דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): "אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּיתּוֹת כִּיתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אֶייךְ גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס; עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִיס צוּ זֶען ווִי יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין נְקוּדָה בַּיים צַדִּיק, פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן? פַארְוָואס זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען לַיידְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן רצב): "דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ ווִינְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס הֶערְשְׁט צְוִוישְׁן אַייךְ", אוּן מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, יֶעדְן דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן אָבֶּער דֶער דִיבּוּר נָאכְנִישְׁט; ווִיפִיל הָאט מוֹהֲרַ"שׁ גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז אִין "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" זָאל מֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר, מֶען זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מֶען זָאל זִיךְ פַארְגִינֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל אַ גוּטֶע הַארְץ, אַ רֵיינֶע הַארְץ, אַ פַארְגִינֶערִישֶׁע הַארְץ, אַ לֵב בָּשָׂר, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ הַארְץ"; ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן שלט), אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן אַלֶע אִידְן זַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כו): "וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר".

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל פַּארְנוּמֶען אִין דִי טֶעג, מַיין וַוייבּ אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּרוּעֶן, אִיךְ בִּין יֶעצְט מִיט דִי קִינְדֶער סַיי דֶער טַאטֶע סַיי דִי מַאמֶע, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲלִיָּה פַאר דַיין טַאטְנְ׳ס נְשָׁמָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ טְרֵייסְטְן אוֹיף דִי פְּטִירָה פוּן דַיין טַאטֶע, הָרַב ר׳ ... זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם בְּתוֹךְ שְׁאַר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ טְרֵייסְטְן זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קֵיינְמָאל צַעַר.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מֶער בַּאפְלַייסְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, מִיט דִי סְפָרִים אִישׁ אֱמוּנוֹת, חָזִית אִישׁ, יַכִּיר אִישׁ, אִישׁ תְּבוּנָה אוֹיף מִשְׁלֵי, וְהָעִקָּר סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח אוֹיף לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן; דָאס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶע עֲלִיָּה פַאר דַיין טַאטֶע, וַוייל אַז אַ קִינְד אִיז עוֹסֵק אִין בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אַ רַעַשׁ אִין הִימְל, אַ מַהְפֵּכָה, אַלֶע נְשָׁמוֹת קוּמֶען צוּ דֶעם טַאטְנְ׳ס נְשָׁמָה אוּן פְרֶעגְן: ״וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דוּרְךְ דִיר וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס?״ וַוייל וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר (יִתְרוֹ סט:), וֶוען וַוייטֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען צוּרִיק אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען גֶעגְרוֹיסְט, דָאס אִיז דִי עֶכְטֶע קַדִּישׁ פַאר אַ נְשָׁמָה, דָאס אִיז יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּה.

בִּיטֶע שִׁיק מִיר דִי הַגָּהוֹת פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן מַגִּיהַּ גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע צֶען סִימָנִים פוּן סֵפֶר שְׂפָתַי תִּפְתָּח, אִיךְ וִויל עֶס אִיבֶּערְגֵיין אוּן עֶנְדִיגְן מֶען זָאל דָאס שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבְּן, וַוייל דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה הָאט יֶעצְט גֶעשַׁאפְן אַ נַדְבָן פוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר דִי מַהֲדוּרָה פוּן שְׂפָתַי

תִּפְתָּח, דִי זִיסֶע גְרִינְגֶע אִידִישֶׁע פֵּירוּשׁ אוֹיף סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, דָאס וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע דוּרְכְבְּרוּךְ אִין דִי וֶועלְט, אַלֶע וָואס רֶעדְן אִידִישׁ וֶועלְן אָנְהֵייבְּן פַארְשְׁטֵיין דֶעם לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר גֶעבְּן לֶעבֶּעדִיגְקֵייט אוּן חֵן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע וָואס גֶעבְּן חוֹדֶשׁ'לִיךְ פַּאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאף אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם צוּ קוּמֶען דֶעם וִוינְטֶער צוּ עֶנְק אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וֶועל בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר מִיט בֵּית פִיגָא, אוֹיךְ וֶועל אִיךְ מַאכְן אַ פְּרִיוַואטֶע מְסִבָּה מִיט דִי וָואס גֶעבְּן חוֹדֶשׁ'לִיךְ פַּאר דִי מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אָפִּיס, הֵייבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג - נָאר נָאכְן הָאבְּן גֶעלֶערְנְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט, מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ חֵן, מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיךְ מַאכְן בֶּענְקֶען צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן מִיר אִין דִי מוֹסָד אוּן אִין הֲפָצָה זֵיי זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען פָּטוּר פוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים קְבוּעִים עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, אַלֶע וָואס וִוילְן זִיךְ הַאלְטְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים - דַארְפְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִים, דִי צְוֵויי לִימוּדִים רֵיינִיגְן דִי הַארְץ אוּן דִי מֹחַ, אוּן אוֹיךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט חָכְמָה זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן עֶסְן דָארְט פְלֵייש

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט:**

וָואס טוּ אִיךְ אַז בַּיי מַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטוּב אִיז דָא פְלֵייש מִיט דִי הֶכְשֵׁר פוּן דִי עֵרֶב רַב?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

חַס וְחָלִילָה עֶסְן דִי פְלֵייש; דִי הֶכְשֵׁר פוּן דִי עֵרֶב רַב אִיז נִישְׁט קֵיין הֶכְשֵׁר, עֶס קֶען זַיין נְבֵלוֹת וּטְרֵפוֹת.

זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, אוּן מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן עֶסְן דָארְט פְלֵייש.

...

## קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, דָאס דַארְף יֶעדֶער טוּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

שַׁבָּת וֶוען מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זָאגְן אַ יוֹם תְּהִלִּים, אוּן אַז אֲפִילוּ אַ מְנַהֵל אוּן דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה - דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן אַז נִישְׁט וֶוערְט מֶען דֶערְוַויטֶערְט פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳; הָאסְטוּ מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אַז דוּ הָאסְט גֶעזֶען אַ בְּרִיווּ אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָארִיגֶע וָואךְ [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וואוּ עֶס שְׁטֵייט אַז עֶנְדֶערְשׁ יָא טוּן פַאר דִי קְהִילָה, פַאר דִי מוֹסָד, וַוייל דָאס מֶערְסְטֶע קֶען מֶען לֶערְנֶען זֶעכְצִיג מִינוּט אַ שָׁעָה, אָבֶער אַז מֶען בּוֹיט אַ חֵדֶר, מֶען בּוֹיט אַ יְשִׁיבָה, אַ כּוֹלֵל, אַ מוֹסָד, אַ קְהִילָה - קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין אֵיין שָׁעָה מֶער ווִי זֶעכְצִיג מִינוּט.

דָארְט רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, דָארְט רֶעדְט מֶען פוּן אֵיינֶער וָואס ווִיל אַ גַאנְצְן טָאג לֶערְנֶען וְכוּ׳, אֵיינֶער וָואס בּוֹיט דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִילָה ווִיל זִיךְ אַרַיינְזֶעצְן אִין כּוֹלֵל וְכוּ׳; דָאס אִיז עֶפֶּעס

אַנדֶערְשׁ, אָבֶּער קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען - דָאס דַארְף יֶעדֶער טוּן, אַלֶע דַארְפְן לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ וְכוּ'.

שְׁטַארְק דִיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן אִינדֶערְפְרִי אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן גֵיין אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן - וֶועסְטוּ הָאבְּן מְשׁוּנֶה'דִיגֶע הַצְלָחָה אִין חֵדֶר, עֶס אִיז גָאר אַנדֶערְשׁ וֶוען מֶען גֵייט צוּ דִי אַרְבֶּעט נָאכְן הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, גֶעדַאוֶונְט, זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען 'מַה תַּכְלִיתִי וּמַה חוֹבָתִי בְּעוֹלָמִי?'

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**טוּן פַאר דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא, אִיז וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן צוּרִיק בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט פוּן דִי זִיצְן, דֶער אִינְגֶערְמַאן ... זָאגְט עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין עֶירְפָּארְט צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי גֶעלְט אוּן מֶען הָאט עֶס פוּן אִים אַוֶועק גֶענוּמֶען וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען מֶער פוּן וִויפִיל מֶען מֶעג אַרִיבֶּערְפִירְן דִי גְרֶענִיץ.

בִּיטֶע פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט אִים אוּן נֶעם אַ לוֹיעֶר זָאל זֶען צוּרִיק צוּ בַּאקוּמֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט, עֶס אִיז אַסַאךְ גֶעלְט, קָרוֹב צוּ דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶערֶעכְנְט אוֹיף דֶעם צוּ בַּאצָאלְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן בַּאצָאלְן.

לְכָבוֹד דִי נַייֶע יָאר זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה מִיט דִי מוֹסְדוֹת אוּן אוֹיךְ יֶעדְן יָחִיד מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר. אִיךְ וֵוייס אַז דַיין גַאנְצֶע ווִילְן אוּן שְׁטְרֶעבְן אִיז אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן אוּן זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער גֶעדֶענְק, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ה, א): "הָעוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִבּוּר כְּעוֹסֵק בַּתּוֹרָה", מִיטְן טוּן פַאר דִי חֵדֶר אוּן בֵּית פֵּיגָא

- אִיז דָאס אַזוֹי ווִי לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן נָאךְ מֶער, ווַייל דָאס מֶערְסְטֶע וָואס דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין אֵיין שָׁעָה אִיז זֶעכְצִיג מִינוּט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען מֶער פוּן זֶעכְצִיג מִינוּט אַ שָׁעָה, מַה שֶׁאֵין כֵּן, אוֹיבּ דוּ שְׁטֶעלְסְט אוֹיף מוֹסְדוֹת וֶועט מֶען לֶערְנֶען אִין אֵיין שָׁעָה טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מִינוּט, וד״ל.

אַ גְמַר פַאר דִי גוֹיִם אוּן אַ חֲתִימָה טוֹבָה פַאר דִיר].

...

## נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער אִין אַ טִינְקֶעלֶע שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, ה׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳, מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וְכוּ׳; מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי לִיגְן אִין אַ טִינְקֶעלֶע שְׁטוּבּ אוּן זָאגְן אַז זֵיי גֵייעֶן בְּלַייבְּן דָא אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ סַכָּנָה, עֶס קֶען שָׁאטְן זֵייעֶר זֶעל אוּן נָאךְ אַסַאךְ זַאכְן.

וָואס קֶען מֶען יָא טוּן וֶוען אַ קִינְד אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִילְד אוּן שְׁטֶערְט דִי טִיטְשֶׁער פוּן רֶעדְן, שְׁטֶערְט דִי קְלַאס פוּן קֶענֶען אָנְגֵיין? מֶען קֶען לֵייגְן דִי קִינְד אִין אַ לֵיידִיגֶע כִּתָּה אוּן זָאגְן דִי קִינְד: ״דָאס אִיז דַיין כִּתָּה, דָא קֶענְסְטוּ רֶעדְן, דָא קֶענְסְטוּ אַרוּמְלוֹיפְן, דָא קֶענְסְטוּ טוּן וָואס דוּ ווִילְסְט״; דָאס דַארְף צוּ הֶעלְפְן אַז דִי קִינְד זָאל אָנְהֵייבְּן הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס טָאר נִישְׁט צוּגֵיין מִיט שְׁרֶעק, עֶס טָאר נִישְׁט זַיין טוּנְקְל אָדֶער שְׁרֶעקֶעדִיג, נָאר מִיט דִי גֶעדַאנְק אַז אִין דִי גֶעהֶערִיגֶע כִּתָּה קֶען מֶען זַיין נָאר אַז מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט.

אוֹיךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט (קוּנְטְרֵס חִינוּךְ לַמְּחַנְּכִים): ״וְהַדָּבָר שֶׁמְּעַצְּבֵן בְּיוֹתֵר אֶת הַיֶּלֶד שֶׁאֵין נוֹתְנִים לוֹ לְהַפְסָקָה לְשַׂחֵק״, אַז מֶען לָאזְט נִישְׁט דֶעם קִינְד גֵיין שְׁפִּילְן בַּיי הַפְסָקָה – דָאס רֶעדְט צוּ אִים אוּן מַאכְט אִים פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר דַארְף פָאלְגְן, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מֶען זָאל זָאגְט דֶעם

קִינְד: "הַיינְט הָאסְטוּ גֶעשְׁטֶערְט אִין קְלַאס, הַיינְט קֶענְסְטוּ נִישְׁט גֵיין שְׁפִּילְן".

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז מִיט דִי קְנַס דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעבְּן שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע וֶוערְטֶער, עֶס טָאר נִישְׁט קוּמֶען מִתּוֹךְ כַּעַס אָדֶער מִתּוֹךְ נְקָמָה חַס וְשָׁלוֹם, מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען, קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין, אוּן אַז דָאס קִינְד הֶערְט נִישְׁט - שְׁטֶעלְט מֶען אִים אִין אַ זַייט מִיט דִי חֶשְׁבּוֹן אַז דָאס זָאל אִים מַאכְן דֶערְהֶערְן.

וְהָעִקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ תְּפִלָּה פַּאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן פַּאר אַלֶע טִיטְשֶׁערְס אוּן פַּאר דִי הַצְלָחָה פוּן דִי סְקוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאסְט לִיבּ דַיינֶע קִינְדֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער, בִּיסְט פַּארְנוּמֶען מִיט אַזוֹיפִיל עַסְקָנוּת אוּן פוּן דַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער פַּארְגֶעסְטוּ. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, עֶר הָאט אַריינְגֶעבְּרֶענְגְט אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען זַיין זוּן יִשְׁמָעֵאל אוּן בַּיים סוֹף הָאט עֶר אִים גֶעדַארְפְט פַּארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, מֶען אִיז פַּארְנוּמֶען אוֹיפְצוּטוּן מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער פַּארְגֶעסְט מֶען, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט פַּאר זֵיי.

אַז דוּ קִישְׁט דַיין קִינְד מֵיינְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט אִים לִיבּ, דוּ הָאסְט דִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ, הָאסְט אַ דַאלִי פַּאר דִיר צוּ שְׁפִּילְן; אוֹיבּ וָואלְסְטוּ אִים לִיבּ גֶעהַאט - וָואלְסְטוּ אִים מְחַנֵךְ גֶעוֶוען, וָואלְסְט גֶעזָארְגְט עֶר זָאל לֶערְנֶען, עֶר

זָאל דַאוֶונֶען, עֶר זָאל מַאכְן בְּרָכוֹת, עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, וָואלְסְט גֶערֶעדְט מִיט דַיינֶע מְלַמְדִים וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג; דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַז מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶונֶען.

חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט דַארְף מֶען זֵיי שְׁפֶּעטֶער פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט טוּן מִיט יִשְׁמָעֵאל, אוּן אַזוֹי הָאט אוֹיךְ פַּאסִירְט מִיט יִצְחָק אָבִינוּ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהִיטְן אוֹיף עֵשָׂו, "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו" (בְּרֵאשִׁית כה, כח), עֶר הָאט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט וָואס צוּ פַארֶערְכְטְן, וָואס נִישְׁט צוּ טוּן, אִיז עֶר בַּיים סוֹף אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא טז:) עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף נַעֲרָה הַמְאוֹרָסָה אוּן אוֹיף רְצִיחָה, עֶר הָאט כּוֹפֵר גֶעוֶוען בִּתְחִיַּת הַמֵּתִים אוּן גֶעלֵייקֶנְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט הַרְגֶ'ענֶען דִי בְּרוּדֶער יַעֲקֹב, בִּיז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ; אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעזָארְגְט פַאר אִים.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, נֶעם נִישְׁט אַוֶועק זֵייעֶר תְּמִימוּת, לָאז זֵיי מִיט זֵייעֶר אֱמוּנַת חֲכָמִים, לָאז זֵיי מִיט דִי תְּמִימוּת וָואס דִי מְלַמְדִים רֶעדְן צוּ זֵיי, וֵויי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט דִי סַם פוּנֶעם נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי 'עֶס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי', 'עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער מְלַמֵד זָאגְט', 'וֶוער זָאגְט עֶר אִיז אַ צַדִיק?' וֵויי אַז מֶען צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען דִי קִינְדֶער גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל, זֵיי קֶענֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט הֶערְן.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ פַארְנוּמֶען אִין שְׁטוּבּ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין וַוייבּ אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אָפְּרוּעֶן נָאכְן הָאבְּן דִי קִינְד, אִיךְ דַארְף זַיין מִיט דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וואו זָאל אִיךְ גֶעבְּן מַיינֶע צְדָקוֹת?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס פַּארְדִינְט שֵׁיין פַּרְנָסָה פְּרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה:**

וואו זָאל אִיךְ גֶעבְּן מַיינֶע צְדָקוֹת? פַּאר וֶועלְכֶע צְוֶועק?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אִים:**

עֶרְשְׁט בַּאצָאל דַיינֶע סָאבְּ״ס, נָאכְדֶעם פְּרֶעג מִיךְ וואו צו גֶעבְּן צְדָקָה.

...

## תְּשׁוּבָה אִיז צו גֵיין מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ז׳ מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּרוּדֶער, אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיי אִין אַ ווינְקֶל, אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ, דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג), עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס וֶוען מֶען וִויל אִיר כַאפְּן בַּאהַאלְט זִי זִיךְ אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, זִי זָאגְט אַז בַּיים קֶענִיג אִין פַּאלַאץ וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף אִיר, דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, זָאל עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זוּךְ דִיר אַ שְׁטִילֶע ווינְקֶל, אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ בֵּייקוּמֶען אַלֶע דַיינֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (קִצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ב): "עִקָּר הַכְּלֵי זַיִן שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא הַתְּפִלָּה", דֶער בֶּעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעוֶוער פוּנֶעם אִיד אִיז תְּפִלָּה, "וְכָל הַמִּלְחָמוֹת שֶׁצָּרִיךְ הָאָדָם לִכְבּוֹשׁ", אוּן וָואס פַאר אַ מִלְחָמוֹת מֶען דַארְף אַיינְנֶעמֶען, "הֵן מִלְחָמוֹת הַיֵּצֶר הָרַע", סַיי דִי מִלְחָמָה מִיטְן יֵצֶר הָרַע, "הֵן שְׁאָרֵי מִלְחָמוֹת עִם הַמּוֹנְעִים וְהַחֲלָקִים", אוּן דִי מִלְחָמָה מִיט דִי אַלֶע וָואס שְׁטֶערְן אוּן הַאלְטְן צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן זַיין נָאנְט צוּם צַדִּיק -

"הַכֹּל עַל יְדֵי תְּפִלָּה", אַלֶעס קֶען מֶען בַּייקוּמֶען מִיט דִי גֶעוֶוער פוּן תְּפִלָּה, "וּמִשָּׁם כָּל חַיּוּתוֹ", און פוּן תְּפִלָּה בַּאקוּמְט מֶען לֶעבְּן, "עַל כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוּת לִקְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל בֶּאֱמֶת", און דֶערְפַאר וֶוער עֶס ווִיל זַיין בֶּאֱמֶת אַ אִיד, "צָרִיךְ לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וְשִׂיחוֹת בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ", דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, בֶּעטְן און דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ אִים מִיט אַן אֱמֶת, "כִּי זֶה עִקַּר הַכְּלֵי זַיִן לְנַצֵּחַ הַמִּלְחָמָה", ווַייל תְּפִלָּה דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע און שְׁטֶערְקְסְטֶע גֶעוֶוער צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט נִישְׁט לוֹיפְן צוּ חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת, נִישְׁט דָאס אִיז תְּשׁוּבָה; זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן און אָפְּלָאזְן דִי וֶועלְט, תְּשׁוּבָה אִיז גֵיין מִיט דִי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, נִישְׁט אֵייגֶענֶע אוֹיסְגֶעטְרַאכְטֶע וְכוּ׳, מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת וְכוּ׳, מִיר דַארְפְן נָאר דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן פְרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם - אַ זוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - הַנְהָגוֹת אוֹיף בֵּינוֹ לְבֵינָהּ, פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער ווִי הִיטְן דִי תּוֹרָה, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער ווִי מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים, פוּן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דִי וָואךְ וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זַיין דִי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מְ'דאַרף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אִין דִי בִּיזְנֶעס

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דאַרְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אִין זַיין בִּיזְנֶעס, סוּכּוֹת בַּיים דאַוֶּוענֶען זֶע אִיךְ וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אִים עֶפֶּעס שְׁטִילֶערְהֵייט, נָאכְן דאַוֶּוענֶען פְּרֶעג אִיךְ דֶעם אִינְגֶערְמַאן: "אִיךְ מֶעג וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דִיר גֶעזָאגְט?"

און דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט:

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אַוַדַאי הָאסְטוּ נִישְׁט קֵיין פֶּענִי אִין דִי בִּיזְנֶעס - אַז דוּ רֶעדְסְט בַּיים דאַוֶּוענֶען און בַּיים לֵיינֶען; נֶעם זִיךְ פָאר נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דאַוֶּוענֶען און בַּיים לֵיינֶען - וֶועסְטוּ יֶעדְן אֵיינֶעם קֶענֶען בַּאצָאלְן".

...

### מֶען מוּז טוּן מֶער פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַבִּיסְל וֶועגְן חִינוּךְ, אָבֶּער אִיךְ דאַרְף דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ, וַוייל מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין אַ דוֹר וָואס אִיז מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, קִינְדֶער פַאלְן, קִינְדֶער גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, מֶען מוּז טוּן מֶער פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיפְפִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, טַאטֶע מַאמֶע מוּזְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, נִישְׁט רֶעדְן מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער, נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין מִיט אִינְטֶערְנֶעט רַחֲמָנָא לִצְלָן, גֶעבּ אַכְטוּנְג וָואס פַאר אַ כֵּלִים זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, זַיי נִישְׁט וִוי דִי נַארִישֶׁע עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן 'נָע, מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט קוּקְן שְׁלֶעכְטְס, מַיינֶע קִינְדֶער טוּעֶן נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס', נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן, זַיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס דִי קִינְדֶער טוּעֶן אוּנְטֶער זֵייעֶר נָאז אִין שְׁטוּבּ, אוּנְטֶערְן רוּקְן, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר פוּן

מִינוּת וּכְפִירָה און פון נִיאוּף, מִיר הָאבְּן הַיינְט סַיי דֶעם דוֹר הַמַּבּוּל און סַיי דֶעם דוֹר הַפְּלָגָה, מֶען מוּז זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

קוֹיפְן פַאר דִי קִינְדֶער מַתָּנוֹת - נִישְׁט דָאס מַאכְט מֶען זָאל זַיין אַ גוּטֶע טַאטֶע, אַ גוּטֶע מַאמֶע, קוּשְׁן און הַאלְזְן קִינְדֶער - דָאס אִיז נִישְׁט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, וָואס יָא? אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי זִיךְ צוּ פִירְן, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען בְּרָכוֹת, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַאוְונֶען, לֶערְנֶען, מִידוֹת טוֹבוֹת; דָאס אִיז גוּטֶע עֶלְטֶערְן.

גֵיי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶרְשְׁט דַאנְק אִים אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, און דַאנְק אִים פַאר יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער, און נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּוָאוֵויינֶען צוּ אִים וִוי אַ קְלֵיין קִינְד, בֶּעט אִים פַאר יֶעדְן קִינְד, בֶּעט פַאר זֵיי מִיט דִי נֶעמֶען אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג און רֵיין, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט דִי תּוֹרָה, בֶּעט פַאר אַלֶע; נִישְׁט נָאר פַאר דִי קִינְדֶער וָואס שַׁיינֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, בֶּעט פַאר דִי וָואס זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע אִין כִּתָּה פִּינְקְט אַזוֹי וִוי דוּ בֶּעטְסְט פַאר דִי אַנְדֶערֶע, וַוייל עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער יָארְן און אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט גֶעוֵוייִנְט, מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי זֶענֶען מַצְלִיחַ, דִי שַׁיינֶען אוֹיף, וַוייל מֶען הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט גֶעזָאגְט: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ קֶען זִיךְ קַיין עֵצָה נִישְׁט גֶעבְּן מִיט דָאס קִינְד", און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז תְּפִלָּה מַאכְט נִיסִים.

דִי וָואךְ זוּנְטָאג אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, און אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג אִיז דָא נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, און אַזוֹי אוֹיךְ זוּנְטָאג פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה וֶועט זַיין אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה. מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט פון קְרַאנְק וֶוערְן פון חוֹבוֹת, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז גֶערַאטֶעוֶועט פון מַאכְן שִׂמְחוֹת מִיט פַּיין און פְּלָאג. אִיךְ זֶע מַיינֶע חֲבֵרִים מַאכְן חֲתוּנָה, זֵיי גֶעבְּן אוֹיס גֶעלְט פַאר גָארְנִישְׁט און פַאר נִישְׁט, דִי דִמְיוֹן נֶעבֶּעךְ שְׁפִּילְט אִין זֵיי אַז מֶען וֶועט קוּקְן אוֹיף זֵיי וִוי שֵׁיינֶע לַייט און זֵיי בָּארְגְן און דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אָן אַ קָאפּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין הֲנָאָה פון דִי שִׂמְחָה אַלֵיינְס, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּנְז

גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דֶעם, עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט קוּמֶען צוּ יֶעדֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, בְּרֶענְג אוֹיךְ דַיין וַוייבּ, זָאלְן זֵיי זֶען וִוי דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אַ דִמְיוֹן, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין זַאל, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין בֶּענְד, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין עֶכְטֶע בְּלוּמֶען, מֶען קֶען זַיין מְשׁוּנָה פְרֵיילִיךְ פוּן דִי חֲתוּנָה אַלֵיינְס, דִי חָתָן כַּלָה דַארְפְן נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן אַרוּם, זֵיי הָאבְּן אֱמֶתְ׳עֶ שִׂמְחָה פוּן דִי חֲתוּנָה אַלֵיינְס, הַלְוַאי זָאלְן אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת דָאס נָאכְמַאכְן, רַאטֶעוֶועט אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פוּן לֶעבְּן מִיט חוֹבוֹת אוּן נִישְׁט קֶענֶען הַנָאָה הָאבְּן פוּן אֵייגֶענֶע שִׂמְחוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בס"ד

# כסא דנחמתא

בשם רבבות ישראל המתנחמים מדי שבוע בשבוע במכתבי עידוד וחיזוק, אנו באים לנחם את האי גברא רבא ויקירא, המוסר נפשו יום ולילה ללא לאות, להיות ציר נאמן לשולחיו מורינו ראש הישיבה שליט"א, לעודד ולחזק ולהדריך את נשמות ישראל ולקרבם לאביהם שבשמים ה"ה

**הרה"ג ר'**

# יואל מנחם גרשון שניצלער

שליט"א

**יו"ר מכון עצתו אמונה**

**היושב בעמק הבכא על פטירת אביו ידידינו הבלתי נשכח הרב רבי**

# ברוך יהודה

בן הרב רבי שלום זכרונו לברכה
מ'טשאבא

מן השמים תנוחמו על האבידה הגדולה, והקב"ה יתן לכם כוחות להמשיך את המפעל הכביר ביתר שאת ויתר עוז, להבעיר את ישראל לאביהם שבשמים ולחזק את רוחם.

המברכים ומשתתפים בצערך

**ידידיך בשם רבבות ישראל**
**הקוראים את המכתבים**
**מדי שבוע בשבוע**

